דעם 30סטן נאוועמבער 1967

ליבער חבר מיינער,

איך האב זיך שטארק געפרייט מיט דיין בריוו. כ'האב באמערקט אן אינ-
טערעסאנטן כאראקטער-שטריך ביי דיר, דהיינו, אז דו שרייבסט מיר נאר ווען דו
ביסט אומעטיק און פאראיינזאמט. אזוי ארום האב איך באקומען צוויי בריוו פון
ניו-יארק און איינעם פון מאנטרעאל, נאר ווען דו געפינסט זיך אין באסטאן
גייט אלץ כשורה און דעריבער האסטו ניט וועגן וואס צו שרייבן. ווינטש איך
דיר דו זאלסט ווערן וואס מער פאראיינזאמט (הערסט אן עגאָיזם?).

ווי באלד דער ישראלדיקער נומער וועט ארויסקומען (דעם 24סטן דעצעמבער)
וועל איך דיר שיקן אן עקזעמפלאר דורך לופטפאסט. וועסט גלייך באמערקן א צאל
וואונדערלעכע שינויים. ערשטנס וועט דער נומער האבן אן עסטעטישן פנים. מיר
האבן איינגעפירט גראפישע קונצן כדי דער לייענער זאל ניט דארפן קוקן אויף
אן א שיעור זייטן פון שווארצינקע אותיות. מיין גאונישע חברטע רבקה ראכמאן
האט צוגעגרייט צוויי ממש פאנטאסטישע צייכענונגען פאר מיין לייוויק-ארבעט
(פאקטיש האט זי צוגעגרייט א סך מער, נאר צוליב עקאנאמישע סיבות האב איך
זיך געמוזט באגרענעצן צו צוויי). צווייטנס וועסטו באמערקן אז די עבֿרי אין
דעם נומער איז א ביסל שווערלעך, ניט דאס אייגענע שעכטער-לשון וואס פריער.
דעריבער וועט אבער זיין וואס צו לייענען. צווישן אנדערש: דער ערשטער טייל
פון שיינטוכס ארבעט וועגן פראנץ ראזענצווייג, פראגמענטן פון א טאגבוך פון
א 14 יאריקן ווילנער בחור וועלכער איז אומגעקומען אין דער ליקווידאציע פון
געטא איך 1943. אן אינטערוויו מיט זיין לעבן=געבליבענער שוועסטערקינד וואס
באלייכט זיין גאנצן כאראקטער און דערקלערט די געשעענישן מער פרטימדיק. איך
האב אויך אראפגענומען די האנט פון הארצן און אויסגעשניטן צוויי דריטל פון
מיין לייוויק-ארבעט. געבליבן איז דער מיטלסטער טייל וועגן די חתונה אין
פערנוואלד, וואס איז בלי ספק דער בעסטער טייל. פארן ערשטן מאל וועלן מיר
דרוקן לידער וואס זיינען בעסערע פאר דיינע, טאקע יידישע לידער. פארן ערשטן
מאל וועלן מיר האבן דעם אינהאלט אויף שפאניש און אויף ענגליש (שעכטער
ווייסט אפילו ניט וועגן אט דער "רעוואלוציאנערער" המצאה). אגב, דיין ליד
הייסט "הזורעים בדמעה ברינה יקצורו". דאכט זיך אז דאס איז דער אויסדרוק
וואס דו האסט געדרוקט. אויף שפאניש פארנעמט אט דער טיטל א גאנצע שורה! דאס
איז אויך דער ערשטער נומער וואס מער ווי צוויי מענטשן האבן אים צוגעגרייט.
איך קען בפירוש זאגן אז מיינע דריי מיטארבעטערס דא אין ישראל האבן אריינ-
געלייגט ניט ווייניקער ארבעט פאר מיר. דעם אינטערוויו למשל, האבן זיי געמאכט.
די קארעקטור מאכט דער טעכנישער רעדאקטאר, און ער איז אויך פאראנטוואָרטלעך
פאר אלע גראפישע קונצן. אפילו די שריפט וועט זיין אן אנדערע. דער דרוקער
האט געמוזט ספעציעל באשטעלן פאר אונדז א "פּ" און א "בֿ". דאס איז אויך
געווען א שטיקל שטערונג. איך פיר איצט א שווערן קאמף מיט יודזשינען און
מיט שעכטערן. איך האלט אז מיט דעם נומער האבן מיר דערגרייכט א נייע הייך
און מיר דארפן אלץ טאן כדי זי אנצוהאלטן. איך קען זאגן כמעט בלי גוזמא,
אז איך די ביז-איצטיקע נומערן האבן מיר זיך מערער געזארגט וועגן סטיל איידער
וועגן אינהאלט. איך דערמאן זיך אפילו א שמועס מיט ד"ר שעכטערן ווו ער
האט מיר בפירוש געזאגט אז אזוי ווי די יוגנט האט סיי ווי ניט וואס צו זאגן,
זאל מען עס כאטש שרייבן מיט א פיינעם געשליפענעם סטיל. און אין דעם נומער
איז טאקע דא וואס צו לייענען, ווייל מיר האבן צוגעצויגן רייפערע מענטשן
און פארלאזלעכע מענטשן, ניט ווי אונדזער בלאָפערס ווי פאלעווסקי און
צוקערמאן. די אין ניו-יארק פארשטייען דאס ניט. און א סימן האסטו אז דער
12טער נומער (דער איצטיקער איז א דאָפלטער נומער) וועט זיין געווידמעט -
זומער-קאלאניעס. קענסטו מיר געבן צו פארשטיין פאר וואס מען האט אויסגע-
קליבן אזא טעמע? ווער האט וואס צו שרייבן וועגן דעם? די המשכיסטן? די
בויבעריקיסטן? וועמען אינטערעסירט דאס? איך קען פארשטיין איין ארבעט וואס
זאל געבן אן איבערבליק איבער די מעגלעכקייטן און פראבלעמען פון זומער-
קאלאניעס, אבער א גאנצער נומער! איך וואלט ~~בכט~~ אפילו ניט געהאט געדולד
דאס איבערצולייענען. ווען איך האב שיינטוכן דערציילט וועגן דעם איז אים
ממש פינצטער געווארן אין די אויגן. ער האט א שעמעוודיקער צו מיר געזאגט:
ווי) קען איך דרוקן דעם המשך פון מיין ראזענצווייג-ארבעט אין אזא קינדישן
נומער? פרעג איך אים: קענסט אויסטראכטן א בעסערן פלאן? און אין פינף מינוט
האט ער צוזאמענגעשטעלט אזא פלאן: א מענדעלע-נומער. אפדרוקן אן אינטערוויו
וואס פראפ' הערצאג האט געמאכט מיט דוד איינהאָרן, מענדעלעס געוועזענער
סעקרעטאר. דער באנד הערפון ליגט ביי שיינטוכן אין ארכיוו. ס'איז נאך קיין

מאל ניט געדרוקט געווארן. אן ארבעט וועגן איראניע אין מענדעלעס ווערק. ניט-געדרוקטע ייִדישע איבערזעצונגען וואס מענדעלע האט געמאכט פון "שלום עליכם" (דאס וואס מע זינגט פרייטיק צו נאכטס), און א קורצע אפהאנדלונג וועגן דעם. און לסוף, פאטאגראפיעס פון מענדעלעס לעבן גענומען פונעם מענדעלע-אויסשטעלונג וואס שיינטוך גרייט איצט צו פארן ירושלימער אוני-ווערסיטעט. דערצו דער צווייטער טייל פון זיין ראזענצווייג ארבעט, דיינע לידער, און אן ארבעט וואס איך האב צוגעזאגט יודזשינען וועגן ישראל. איך מיין אז אפילו אזא זשורנאל ווי <u>די צוקונפט</u> (וואס האט דרך אגב ניט קיין צוקונפט) וואלט זיך ניט פארשעמט מיט אזא אינהאלט. נו, גענוג וועגן דעם.

איך שיק דיר א פאר זאכן וואס איך האף וועלן דיר אינטערעסירן. אברהם רינצלער איז געווען דער בייזער ווונדער פון דער גרופע "יונג-ישׂראל". ווי אונדזער גאבי טרונק, להבדיל. אבער טאקע ווי טרונק איז ער אין גאנצן אוועק פון ייִדיש און האט בכלל אויפגעהערט צו שרייבן. איצט הברט ער זיך מיט די כנאַנישע שרייבערס אויף העברעיִש (די וואס פארלייקענען די 2000 יאר גלות). ווי דו זעסט האט רינצלער א גאר אייגנארטיקן סטיל. ער פירט דורך גאנץ געוואגטע עקספערימענטן מיט אונדזער שפראך. איך מיין אז אין דעם פרט דארף ער דיר זיין זייער נאענט. איך האב זיך אויך פארטראכט אין זיין אנטי-ייִדישיסטישן ארטיקל. פון איין זייט זע איך אײַן אז ער איז טאקע גערעכט, אז דער קאמף פאר ייִדיש פארשוואכט די קוואליטעט פון דער נייער ליטעראטור וואס ווערט געשאפן אויף ייִדיש; פון דער צווייטער זייט איז זיין אויסוועג אַ צו לײַכטער. און רינצלער, וועלכער האט אפגעווארפן ייִדישיזם האט סוף-כל-סוף אין גאנצן אפגעווארפן ייִדיש שאפן. אגב, די צוויי זאכן זיינען גע-נומען פונעם 3טן (און לעצטן) נומער <u>יונג-ישׂראל</u>, חיפה-1956. רינצלער איז געווען דער רעדאקטאר. דאס איז דער ערשטער נומער פון אט דעם נומער וואס ס'האט זיך מיר אײַנגעגעבן צו באקומען. איך האב בכלל גענומען זיך פארטיפן אין די ווערק פון די יונגע ייִדישע שרייבערס אין ישׂראל: משה יונגמאן, לייב ראַכמאַן, יאסל בירשטיין, רבֿקה באַסמאַן, רחל פישמאן, צבֿי אײַזנמאן און אברהם קאַרפּינאַוויטש. דער דורכשניטלעכער עלטער פון אט דער גרופע איז 45 יאר. די ייִנגסטע איז רחל פישמאן (32), דער עלטסטער קארפינאוויטש (51). במשך פונעם יאר וועל איך דיר שיקן די אנטאלאגיע פון זייער דיכטונג מיטן נאמען <u>ווארצלען</u>. דארטן וועסטו אויך לייענען די ווונדערלעכע לידער פון בנימין הרושאַווסקי (ה. בנימין), אויך איינער פון די וואס האבן אויפגעהערט צו שרײַבן (ער איז לכל-הפחות געווארן איינער פון די גרעסטע קענערס פון דער העברעיִשער און ייִדישער פאעזיע). איך האף צו שרייבן א גרויסע ארבעט וועגן "יונג-ישׂראל" נאך דעם ווי איך וועל האבן איבערגעלייענט און דורכשטודירט זייערע ווערק. איך האף זיך צו טרעפן מיט אלע פּערזענלעך.

איך שיק דיר אויך איינע פון די זאכן וואס מיר לייענען אין מיין באַליבסטן קורס "מוסר-ליטעראטור אויף ייִדיש פונעם 16טן און 17טן י"ה". חוה טורניאַנסקי (די ישׂראלדיקע רות ווײַס) לערנט דעם קורס. היינט בין איך געזעסן פֿאַרפישופט איבער דעם באוואוסטן מוסר-ספֿר <u>בראַנטשפּיגל</u> (1602). איך האב געקענט לייענען פונעם אריגינאל און כ'האב כמעט אלץ פארשטאנען. מיר האבן געהאט אן אויפגאבע צו לייענען איין פרק אינעם ספר. האב איך אויס-געקליבן דעם סאמע פּיקאַנטישסטן פּרק וואס באשרײַבט ווי א ייִדישע פרוי דארף זיך אויפפירן אין בעט. איך האב זיך ממש געקייקלט פון געלעכטער. מען האט מיר שׂער ניט ארויסגעטריבן פון דער ביבליאטעק. און מיין ניט אז מיינע אנדערע קורסן זיינען ניט קיין גוטע. מיט שמערוקן לערן איך: ייִדישע ליטע-ראטור אין סאוועטן-פארבאנד (בערגלסאן, קולבאק, מארקיש און דער נסתר); צווישן חסידות און דער השׂכלה (ייִדישע ליטעראַטור פונעם 18טן און 19טן י"ה) און אן איין-שעהיקן קורס וועגן משה-לייב האלפערן. מיט סדן לערן איך וועגן איציק מאנגער (די חומש-לידער), אבער פאקטיש איז דאס א קורס וועגן ייִדישע גלײַכווערטלעך. דערצו לערן איך: פיר שעה א וואך גמרא (יוצא מן הכלל), א קורס וועגן מדרש בראשית רבה, א קורס וועגן מדרש דברים רבה, א קורס וועגן העברעיִשער פאעזיע אין שפאניע פון די אנהייבן ביזן 14טן י"ה (דער לערער איז א בארימטער העברעיִשער דיכטער: דן פאגיס) און לסוף - ייִדישע פילאסאפיע פון רמב"ם ביז שפינאזא. פארן ערשטן מאל לערן איך זאכן וואס וועלן מיר צוניץ קומען אין מיין קאריערע. ביז איצט האב איך זיך ארומגע-שפילט מיט "ליבעראלער קונסט"; איצט נעם איך זיך צו דער ארבעט. איך האב דיר א סך מער וואס צו שרייבן, אבער צוויי זייטן איז שלימות, און שלימות ברענגט די גאולה.

דײַן דוד-הירש